# צום פינטל

**גליון כה**

**פרשת אחרי-קדושים תשפ"ג**

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

## אין די ריכטיגע 'זמן' און 'מקום'

### ◆ ואל יבוא בכל עת

שטייט אין פסוק (ויקרא טז ב) 'ואל יבוא בכל עת אל הקודש', מען קען נישט קומען אין קודש הקדשים ווען מ'וויל, מען קען נאר קומען מיוחד'דיגע צייטן, נאר יום כיפור, און אפילו יום כיפור מוז עס זיין מיט די ריכטיגע צוגאנג, מיט די ריכטיגע קליידער, און מיט די ענן הקטורת, ווי די פסוק זאגט 'בזאת יבוא וכו' כתונת בד קודש ילבש וגו''. ס'דארף זיין צוגעפאסט צום ריכטיגען זמן, און צום ריכטיגען מהלך וואס די תורה שטעלט אוועק.

אין די נעקסטע פרשה (פרק יז) שטייט די פרשה פון 'שחוטי חוץ', אז טאמער א יוד שעכט קרבנות אינדרויסן פון בית המקדש איז ער חייב כרת, ווי די פסוק זאגט 'ואל פתח אהל מועד לא הביאו וגו''. מ'קען נישט שחט'ן קרבנות ווי מען וויל, 'על פני השדה', מען מוז ברענגען די קרבנות צום 'פתח אהל מועד', און 'עד כדי כך' אז ס'איז ממש פארדעכנט ווי עבודה זרה, ווי די פסוק זאגט 'לא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים', און דאס איז אפילו איך האב עס געברענגט אויף א 'במה' לשם שמים, אבער היות ס'איז אויף א אופן וואס מ'טאר עס ניטש ברענגען בחוץ, איז עס פארדעכנט כאילו עבודה זרה.

די בעלי מוסר נעמען פון דעם ארויס א לימוד אז יעדער זאך האט זיך זיין 'זמן' און 'מקום', מ'קען טון די זעלבע זאך, אבער אויב טוט מען עס אין די ריכטיגע זמן, אין די ריכטיגע מקום, איז עס א גוטע זאך, און אויב טוט מען עס אין די נישט ריכטיגע זמן, אין די נישט ריכטיגע מקום, איז עס נישט א גוטע זאך. און די בעלי מוסר נעמען פון דעם ארויס א לימוד ביי עבודת המידות, אז מ'דארף וויסן ווען און ווי אזוי זיך צו באנוצען מיט יעדער מידה, צומאל איז א געוויסע מידה זייער גוט נאר אויף דעם פלאץ, אין דעם 'זמן', אבער אין א אנדערע פלאץ איז עס שטארק מגונה. סך הכל די 'זמן' און די 'מקום' מאכן אסאך אויס אויף אלעס וואס א מענטש טוט.

מ'קען עס זעהן שטארק ביים זאגען א גוט ווארט פאר א חבר, א גוט ווארט איז זייער וויכטיג ס'זאל געזאגט ווערן אין די ריכטיגע צייט, און אין די ריכטיגע פלאץ, ווייל טאמער נישט, קען די גוט ווארט צומאל נאר קאליע מאכן. די זעלבע פארקערט מיט א שטרענג ווארט, אויב קען מען עס גוט אויסרעכנען, מען זאגט עס אין די ריכטיגע צייט, אין די ריכטיגע פלאץ, דאן קען אפילו א שטרענג ווארט זיין זייער א גוטע זאך, די עיקר חסרון פון א שטרענג ווארט, איז צומאל פשוט צוליב די צייט ווען עס ווערט געזאגט, אדער צוליב די פלאץ ווי ס'איז געזאגט געווארן.

### ◆ אין די ריכטיגע זמן

די יידען ווילען האבן קרבת השם, זיי ווילען אריינקומען אינעם אייבערשטען'ס 'חדר מיוחד' כביכול, אין קדשי קדשים, אבער ס'איז דא תנאים, ס'דארף זיך צוגעפאסט צום ריכטיגען טאג, צום ריכטיגען אופן, פינקטלעך צו די זמן וואס דער אייבישטער האט געגעבן, פינקטלעך אויף די אופן ווי ער פארלאנגט עס. דער אייבישטער איז מקרב דעם יוד, ער נעמט אים אויף ביי זיך אין היכל, אין קדשי קדשים כביכול, אבער ער פארלאנגט אז דער יוד זאל זיך צופאסן, ער קען נישט קומען ווען און ווי אזוי ס'שמעקט דיר, 'ואל יבוא בכל עת אל הקודש', די דארפסט קומען דוקא יום כיפור און דוקא מיט די קליידער און די קטורת.

**מען קען נאר קומען מיוחד'דיגע צייטן, נאר יום כיפור, און אפילו יום כיפור מוז עס זיין מיט די ריכטיגע צוגאנג, מיט די ריכטיגע קליידער, און מיט די ענן הקטורת, ווי די פסוק זאגט 'בזאת יבוא וכו' כתונת בד קודש ילבש וגו''. ס'דארף זיין צוגעפאסט צום ריכטיגען זמן, און צום ריכטיגען מהלך וואס די תורה שטעלט אוועק**

א מענטש האט געוועהנטליך א מהלך אויף זיינע בגדים, וועלכע 'בגד' קומט אין וועלכע 'זמן', ביים גיין צו א חתונה, ביי א שבע ברכות, ביי א אינפּוינטמינט, יעדער זמן און מקום ווייסט ער וועלכע סארט 'בגד' איז דארטן גוט. אזוי ווי להבדיל א"ה מ'זעהט ביי 'בגדי כהונה', אז די תורה זאגט אונז אהן פונקטליך וועלכע בגדים קומען ווען, און אלעס דארף זיין אין די ריכטיגע זמן און אין די ריכטיגע מקום.

די זעלבע ענין קען מען זעהן ביי 'שחוטי חוץ', די תורה זאגט אז מ'זאל ברענגען אלע קרבנות צום ריכטיגען מקום. דער אייבישטער שטעלט זיך צו, ער איז שוכן בתחתונים כביכול, אבער ער פארלאנגט אז דער יוד זאל זיך צופאסן, ער טאר נישט שחט'ן ווי ס'לאזט זיך, ער דארף קומען דוקא אין בית המקדש, 'המקום אשר יבחר'.

און דאס איז עד כדי כך אז ס'איז ממש פארדעכנט ווי עבודה זרה, אז די שעכסט אויפן פרייען פעלד, די שעכסט ווי ס'לאזט זיך, אז די פאסט זיך נישט צו פינקטלעך ווי איך פארלאנג, איז דאס גערעכנט ווי עבודה זרה, 'ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים', ווייל דאס איז די חילוק צווישען קדושה און להבדיל עבודה זרה, 'קדושה' מיינט אז די פאסט זיך ריכטיג צו צום אייבערשטען, נאר דאן איז דאס קדושה.

די אמת איז אז די דאזיגע יסוד איז נישט נאר ביי יום כיפור און שחוטי חוץ, די יסוד איז דא ביי אלע מצוות, אז א מענטש שאקעלט לולב נישט אין די ריכטיגע זמן, ער עסט מצות נישט אין די ריכטיגע זמן, דאן איז עס גארנישט, אבער ביי יום כיפור און שחוטי חוץ איז די מעסידזש שטארק בולט, ווי מ'זעהט ווי הארב דאס איז, ועד כדי כך אז ביי 'שחוטי חוץ' איז מען חייב כרת, און עס איז פארדעכנט ווי מ'דינט ח"ו עבודה זרה.

משל למה הדבר דומה, א טאטע הייסט א קינד עפעס טוהן, אדער א מלמד פארלאנגט עפעס פון די קינדער, און ער וויל עס אויף דוקא אויף אזא וועג בפרטיות, און דער קינד איז א אויבער חכם, ער וויל עס טוהן, אבער ער וויל עס טוהן דוקא אויף די וועג וואס ס'איז אים איינגעפאלן, אין די 'זמן' און 'מקום' ווי אים געפעלט. איז אזא קינד קען מען נישט אנרופן אז ער האט געטוהן וואס די טאטע האט געוואלט, אדרבא ס'איז נאך ערגער, די טוסט זיין רצון און די טוסט עס נישט ווי ער וויל עס.

נאר וואס דען, די דארפסט זיך צופאסן פונקטליך צו וואס די טאטע בעט, צו וואס די מלמד בעט, דאן האסטו געטוהן וואס זיי ווילען. זיי האבן זיך צוגעפאסט צו דיר, זיי לאזען זיך געגוג און נאך אראפ צו צושטעלן פאר די קינדער, זיי לאזען זיך אראפ צו די דרגא פון דער קינד, יעצט פארלאנגען זיי, אז די זאלסט זיך צופאסן צו זיי, און עס טוהן פינקטלעך אזוי ווי זיי פארלאנגען.

## א 'בן תורה' איז אפען און פרייליך

### • א באליבטער מענטש

די משנה זאגט אין אבות (פרק ו משנה א) אז מ'לערנט תורה לשמה איז מען זוכה צו אסאך זאכן, און נישט נאר דאס נאר 'כל העולם איז כדאי היא לו', די גאנצע וועלט איז כדאי זאל באשאפן ווערן פאר אים. און די משנה פאנגט אהן אויסצורעכנען, ער איז א א גוטע חבר (ריע), א באליבטע מענטש (אהוב), ער מאכט פרייליך מענטשן (משמח את הבריות), ס'איז אים מלבוש מיט ענוה ויראה, ס'איז אים מכשיר צו מדריגות, צדיק חסיד וכו', ונהנין ממנו עצה ותושיה, ער ווערט כמעין המתגבר, א 'צנוע', א 'ארך רוח', און די משנה ענדיגט 'ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים'.

בדרך הטבע וואלט געדארפט זיין אז א יוד וואס זיצט אין לערנט, זאל זיין א פארמאכטע מענטש, וויל אז מ'זיצט און לערנט מוז מען דאך בהכרח זיך אפהאקן פון וועלט, דאס איז די טבע פון לימוד התורה, אבער די משנה זאגט אונז אז ס'איז נישט אזוי, אז א יוד זיצט און לערנט לשמה, ווערט ער גאר א אפענער מענטש, א 'אהוב', א בליבטער 'סאושעל' מענטש, א מענטש וואס מענטשן זענען זיך שואל עצה מיט אים וכו'.

בדרך הטבע איז א בן תורה אפגעהאקט פון וועלט, ווייל 'לימוד התורה' האט גארנישט מיט די וועלט, להבדיל א"ה אז א מענטש לערנט א חכמה אין קאלידזש, ער איז אינגאנצן אריינגעטוהן אין זיין חכמה, אבער ער איז נאך אלץ מקושר צו די וועלט, וויל לאמיר זאגען אז ער לערנעט זיך 'חכמת הרפואה', איז ווי שטארק ער איז אויסגעטוהן פון די וועלט, איז ער אבער מער און מער מקושר צו וועלט, ווייל אלץ איז 'גאול' צו העלפן פאר די וועלט, אלץ וועלט און נאכאמאל וועלט.

אבער תורה איז נישט ווי חכמות, ווען א יוד לערנט תורה, ווי מער תורה ער לערנט, ווערט ער מער און מער אפגעהאקט פון וועלט, וואלט דאך לכאורה געדארפט זיין בדרך הטבע, אז א 'בן תורה' זאל זיין א פארמאכטע מענטש, א מענטש וואס איז פארשלאסן אין זיינע ד' אמות, אבער די משנה זאגט אונז נישט אזוי, דער משנה זאגט אז ער איז א 'ריע' א באליבטער, ער איז א 'משמח את הבריות', א 'עניו' וכו'.

### • אין די ערשטערע יארן

ס'קען זיין פשט, אז אין די ערשטערע יארן איז א 'בן תורה' טאקע מער פארמאכט, ער איז אפגעהאקט פון וועלט, אבער אז ס'גייט אריבער א שטיק צייט איז פארקערט, ער עפענט זיך אויף און ער געט ארויס פאר כלל ישראל דאס וואס די תורה האט אים געגעבן, און ס'ווערט נתקיים ביי אים די אלע זאכן וואס די משנה רעכנט אויס.

ס'קען זיין אז אזא ענין זעהט מען ביי אברהם אבינו, אברהם אבינו האט זיך אפגעהאקט פון די וועלט, ער האט זיך געשלאגען מיט די גאנצע וועלט, איז די ערשטע האלב לעבן האט ער זיך טאקע געשלאגען מיט די וועלט, אבער די צווייטע האלב לעבן זיינער האט ער משפיע געווען פאר די וועלט זיין מידה, די מידה פון אהבה, די טייערסטע זאכן האט ער משפיע געווען, ער האט געגעבן פאר יעדעם די גאפיל אז ער איז ווערט, ער האט אים אריינגענומען און אויפגענומען, א מענטש וואס האט ליב מענטשן, און פארשטייט זיך אז ער האט יעדעם אויסגעלערנט אז עס איז דא א באשעפער אויפן וואס האט יעדעם ליב.

'ויטע אשל בבאר שבע', די ערשטע האלט לעבן האט ער זיך טאקע אפגעהאקט פון די וועלט, 'לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך', ער האט זיך אפגעהאקט פון אלעס, און זיך מתבונן געווען בחכמת אלקות, אבער שפעטער 'ואת הנפש אשר עשו בחרן', 'ויטע אשל בבאר שבע', שפעטער האט ער געעפענט זיין טיר פאר די וועלט, א באליבטע מענטש, א מענטש וואס איז מקרב מענטשן מיט אהבה.

ביי משה רבינו זעהט מען דאך אויך אזא סארט ענין, אז ער איז געווען אפגעהאקט פון די וועלט די ערשטע האלב פון זיין לעבן, זייענדיג פארשלאסן און פארשטיפט אין מדין, אבער דערנאך ווען ער איז נתגלה געווארן פאר כלל ישראל האט ער געברענגט דאס אלעס וואס די משנה רעכנט אויס, א אהוב א ענין וסבלן וכו'. פארשטייט זיך אז אין משה רבינו אליינס האבן אונז נישט קיין שום השגה, נאר עפעס וואס אונז קען מיר זיך לערנען.

און אז מ'וועט איבערגיין די היסטוריא פון תלמידי חכמים, מיין איך אז מ'וועט זעהן אז ס'איז א פשוטע זאך, לאמיר נעמען א דוגמא שוין מער פון אונזערע דורות, די הייליגע חזון איש, וואס די ערשטע האלב פון זיין לעבן איז ער געווען שטארק פארשלאסן, און די צווייטע האלב האט יעדער געזען ווי ס'ווערט נתקיים ביי אים די משנה אין אבות אז 'הלומד תורה לשמה זוכה וכו' א ריע און א אהוב א באליבטער מענטש ביי כלל ישראל.


**אבער די משנה זאגט אונז אז ס'איז נישט אזוי, אז א יוד זיצט און לערנט לשמה, ווערט ער גאר א אפענער מענטש, א 'אהוב', א בליבטער 'סאושעל' מענטש, א מענטש וואס מענטשן זענען זיך שואל עצה מיט אים וכו'**


ס'איז דא א ווארט פון הגאון רשז"א זצ"ל, אז אין די יונגע יארן פלעגט ער נישט גיין צו חתונות פון חברים וכדומה, ער איז געווען פארנומען מיט לערנען, האט ער שפעטער געזאגט אז טאקע א יוד איז מחיוב מיט די גרויסע מצוה פון 'שמחת חתן וכלה', אבער טאמער וואלט ער ווען געגאנגען צו אלע חתונות, וואלט ער דאך נישט אויפגעוואקסן די גרויסע רשז"א, און אין די עלטערע יארן וואלט ער נישט אזוי פרייליך געמאכט מיט זיין קומען צו חתונות, נאר די פארמאכן זיך אין די יונגערע יארן, דאס האט געברענגט די אהבה כבוד און חשיבות וואס ער האט געקענט געבן אין די עלטערע יארן.

די זעלבע זאך איז בכלל ביי א תלמיד חכם, אין די ערשטערע יארן איז ער אביסל מער פארמאכט, אבער שפעטער קומט ער ארויס, און פארקערט, ער איז מקרב יעדעם, משמח יעדעם, ער מאכט יעדעם גוט פילען, ווי די משנה רעכענט אויס אהוב משמח את הבריות, קודם הייבט זיך דער תלמיד חכם גאר שטארק אויף, אבער נאכדעם לאזט ער זיך שטארק אראפ, ווייל כדי זיך צו קענען אראפ לאזען מוז מען זיין אביסל העכער פון די וועלט, ווי די משנה ענדיגט מיט די ווערטער 'ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים', דייקא ווענען דעם, ווייל ער איז העכער אלעס קען ער זיין א 'ריע' א 'אהוב' א 'משמח את הבריות' א 'מוחל על עלבונו' וכו'.

אין מסכת סוטה (כא ע"ב) זאגט די גמרא אז די תורה האלט זיך נאר 'במי שמעמיד עצמו ערום עליה', ער שטעלט זיך אוועק 'ערום', נאקעט, ער האט נישט גארנישט אויף די וועלט, נאר נאכדעם קען ער צוקומען צו תורה, ער האט זיך שוין מייאש געווען פון אלעס אויף די וועלט, יעצט קען ער קומען מחדש זיין א נייע חידוש פאר כלל ישראל, יעצט קען ער קומען מיט א פרישקייט מקרב זיין יידען צום אייבירשטן.

### • אצל הגאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל

און אזוי זעהט מען ביי הגאון הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, אין די ערשטערע יארן איז ער געווען גאר שטארק מובדל און פרוש פון די וועלט, אבער שפעטער האט ער זיך געעפנט פאר


המשך בעמוד האחרון

# כללים ומושגים

## צופאסן

### צופאסן איינס צום צווייטן

ס'איז דא א כללות'דיגע זאך אין די גאנצע לעבן פונעם מענטש, וואס הייסט "צופאסן", מדארף זיך כסדר 'צופאסן', א מענטש דארף צוקומען צו מענטשן, צומאל דארף זיך ראובן צופאסן צו שמעון, און צומאל דארף זיך שמעון צופאסן צו ראובן. למשל, אז מען מאכט א 'אינפוינטמען' ביי איינעם, דארף עס זיין צוגפאסט פאר ביידע, און צומאל דארפן זיי זיך אביסל 'אינדזשאסטן', מ'זעהט ס'זאל זיין אויסקומען גוט פאר ביידע.

און דאס איז נישט נאר צווישען מענטשן, דאס איז אין אלע ענינים. למשל, א 'שדכן' טוט צופאסן מענטשן איינער צום צווייטן, א 'סעלס מען' א 'בראוקער' דארף צופאסן די ריכטיגע זאך פאר די ריכטיגע קאנדידאט. און דאס איז אויך ביי אלע חפצים אויף די וועלט, למשל, אז א מענטש וויל מאכן א 'בגד', נעמט ער 'חומר' ווי למשל צמר, פשתים, פאלעיעסטער, א,ד,ג, און ער פאסט עס צו 'כמידתו', ער פאסט עס צו צו זיין מאס.

קענסט האבן א הערליכע 'בגד', אבער אויב איז עס נישט 'כמידתו' האסטו גארנישט פון דעם, אזוי ווי די הלכה ביי בגדי כהונה ווי די חז"ל לערנען ארויס פון דעם וואס ס'שטייט 'מדו בד' שתהא כמידתו, מען קען נישט אנטוהן גרויסע בגדים פאר בגדי כהונה, ס'דארף זיין צוגעפאסט. און אויף דעם ארבעט א שניידער גאנצעטע טעג צו צופאסן די דאזיגע חומר צו ראובן, און די דאזיגע חומר צו שמעון, און אזוי ווייטער.

און אזוי איז ביי יעדער ריר אויף די וועלט, אלעס וואס א מענטש פאברצירט, אלעס איז די ארבעט 'צו צופאסן', יעדער 'כלי' וואס ער מאכט מוז ער צופאסען ס'זאל זיין כמידתו, אז ער וויל מאכן א 'גלעזעל' צום טרינקען, דארף ער עס צופאסען צום מויל, אז די ווילסט מאכן א באטעל צוגיסן, מוז עס זיין צוגעפאסט צו גיסען, און אזוי יעדער סארט 'כלי' דארף זיין גרייט פאר די תכלית וואס די ווילסט פון אים, אז די מאכסט א 'ספר' דארף עס זיין צוגעפאסט מיט אלע חלקים צום לערנען, אז די מאכסט א בעג דארף עס זיין צוגעפאסט פאר זיין תכלית, יעדער זאך דארף זיין צוגעפאסט פאר זיין תכלית.

אז מ'טראכט אריין, די בריאה כשלעצמו, איז נישט דוקא צוגעפאסט צום מענטש אינגאנצען, דער אייבישטער האט אין אלעס איבערגעלאזט עפעס פארן מענטש, ער האט עס בדוקא אזוי געמאכט כדי אז ער דער מענטש זאל משלים זיין די בריאה, ווי די חז"ל (תנחומא תזריע ו) זאגען 'שאל טרונסרופס את רבי עקיבא, איזה מעשים נאים של הקב"ה או של בשר ודם וכו', של בשר ודם וכו', אלא לצרף בהן את הבריות'. דער אייבישטער האט געוואלט אז דוקא דער מענטש זאל מברר זיין און מתקן זיין וואס ס'פעלט זיך אויס.

און דאס טאקע וואס דער מענטש טוט א גאנצע טאג, ער נעמט 'חומרים' פון די וועלט, און ער ברענגט אריין אין דעם א 'צורה', אזא סארט 'צורה' וואס וועט פונקטלעך צופאסען די זאך צום מענטש. למשל, לאמיר זאגען אז אינדרויסן איז צו הייס, אדער צו קאלט, ס'איז נישט צוגפאסט צו די טעמפטשער פונעם מענטש, איז וואס טוט דער מענטש, ער גייט אריין אין הויז און דארטן פאסט ער צו די טעמפטשער אז עס זאל זיך צופאסן צו אים, ער מאכט 'סטים' אדער 'ערקאנדישן' כפי הצורך, און ער זעהט אז ס'זאל אנקומען צו 72 בערך, די טעמפעטשער וואס איז פאסיג פאר אים.

וואס
מ'לערנעט
פראבירט מען צו צופאסן
צו די אייגענע לעבן, אזוי ווי
אלעס וואס א מענטש זעהט און
הערט, פראבירט ער צו 'צופאסן' ווי
ער קען עס ניצן, ער פרעגט זיך 'ווי
קען איך עס איינקעשן', אזוי אויך
להבדיל אלפי הבדלות ביי תורה
הקדושה, זוכט דער מענטש
ווי ער קען ניצען די תורה
אין עולם המעשה

אינדרויסן איז נישט דא קיין ברירה, אינדרויסן דארפסטו זיך צופאסן צו די היץ, צו די קעלט, די טוסט זיך אהן מיט א 'קאוט' וכדומה, אבער אינדערהיים האסטו א ברירה, די קענסט צופאסן די 'טעמפעטשיר' צו דיך. אז א מענטש גייט ארויס אינדרויסן צווישען אנדערע מענטשן, דארף ער זיך צופאסן צו זייער מנהג, צו די מענטשהייט, מנהג העיר, מנהג המדינה, אבער אז א מענטש קומט אהיים, אין זיינע ד' אמות, פראבירט ער צו צופאסן זאכן צו זיך (מען רעדט נישט פון 'מנהגים' בהלכה, וואס דאן איז יתכן אז אפילו בצינעא דארף מען זיך פירן ווי די מנהג המקום, ואכמ"ל). אויף דעם דרייט זיך די לעבן, אויף "צופאסן", צומאל זיך צופאסן צו יענעם, און צומאל צופאסן אנדערע צו זיך.

### תחפש באשר למדת

ביי תורה איז אויך דא א חלק אין לימוד התורה וואס מ'דארף ניצען דעם כח פון זיך 'צופאסן', און דאס איז ווען ס'קומט אביסל נענטיר צו די עולם המעשה. ווי דער הייליגער רמב"ן (אגרת הרמב"ן) לערנעט אונז אויס 'תחפש באשר למדת אם תוכל לקיימו', ווען די פארמאכסט דעם ספר, פאנגט אהן צו זוכען ווי די קענסט טרעפן אין דיין וועלט עפעס פון וואס די האסט געלערנט, פראביר צו 'צופאסן' דאס וואס די האסט געלערנט צו דיין וועלט, פראביר עס צו צופאסן צו דיין טאג טעגליכע לעבן.

באמת איז דאס א טבע אינעם מענטש, אז וואס מ'לערנעט פראבירט מען צו צופאסן צו די אייגענע לעבן, אזוי ווי אלעס וואס א מענטש זעהט און הערט, פראבירט ער צו 'צופאסן' ווי ער קען עס ניצן, ער פרעגט זיך 'ווי קען איך עס איינקעשן', אזוי אויך להבדיל אלפי הבדלות ביי תורה הקדושה, זוכט דער מענטש ווי ער קען ניצען די תורה אין עולם המעשה. דאס איז אזא טבע אזא, אז א מענטש פראבירט אלץ צו טרעפן ווי ער קען דאס ניצען, ווי קען ער עס ברענגען צו זיין עולם המעשה.

אזוי ווי מ'האט פריער געשמועסט אז אלעס וואס א מענטש טוט אויפן וועלט, איז זיין 'גאול' א גאנצע צייט צו צופאסן צו זיך, וואס א מענטש מאכט, ער מאכט לאמיר זאגען א 'גלעזל', פאסט ער עס צו צום מויל, ער מאכט א 'קעמל' צו קעמען די האר, דארף יעדעס צענדעלע זיין גוט צוגעפאסט צו גיין צווישען די האר. ער זייט איין 'חיטים' אין די ערד, ער מאלט, ער באקט, און אלעס איז זיין ציל, צו צופאסן די עסן צו זיך, דאס איז זיין ארבעט א גאנצע טאג. אזוי אויך ווען ס'קומט צו ידיעות און חכמות, אזוי אויך להבדיל ידיעות התורה, אלץ איז די 'גאול' זיינער עס צו צופאסן צו זיך, צו צופאסן צום מענטש.

נאר אפילו ס'איז א טבע אינעם מענטש, נאך אלץ צומאל קומט די יצה"ר פון עצלות, און דער מענטש האט נישט קיין געדולט צו ברענגען די זאך צו די עולם המעשה, אבער בעצם איז דאס אזא טבע, א מענטש וויל נישט סתם לערנען און לערנען, ער וויל זעהן ווי ער קען עס ניצן למעשה.

### בכל מקום ובכל זמן

א יוד לערנט הלכות שבת דארף ער עס צופאסן צו די האנטיגע מציאות, דאס איז די טבע פון א מענטש, ער וויל נישט סתם לערנען, ער וויל אין יעדער זאך טרעפן ווי דאס האט מיט אים, תחפש באשר למדת. אז די לערנסט יורה דעה, פראביר צו פארשטיין די אמאליגע מציאות, נעם ארויס די יסוד, און זיי עס מדמה צו די היינטיגע מציאות, יעדער שאלה וואס די לערנסט זיי דיך מתבונן צו ס'איז מער א אמאליגע שאלה, א שאלה וואס איז געווען די מציאות ביי די ראשונים'ס צייטן,

המשך בעמוד האחרון

כלל ישראל, אויפנעמענדיג מענטשן, און שרייבן פילע בריוון, און מ'האט געזעהן בחוש אלע זאכן פון די משנה.

צומאל איז דא א תלמיד חכם וואס ענטפערט שאלות, ער געט דרשות, ער איז א מגיד שיעור אין בית מדרש וכדומה, וואס דאס מיינט אז ער איז אפען צו כלל ישראל, ער איז א גאנצע צייט אפען, אבער צומאל איז דא א תלמיד חכם וואס זיין זאך איז שרייבן חידושי תורה, וואס 'שרייבן' איז אזא סארט זאך וואס איז מושך די מענטש אינגאנצען אין זיין אייגענע וועלט אריין, און אפילו ווען מ'געט ארויס א ספר נעמט עס אסאך צייט אז ס'זאל אריינקומען ביי כלל ישראל, אז מ'זאל באקומען 'פיט בעק', ס'זאל צוריקקומען בריוון וכדומה. ממילא קומט אויס אז ער איז זייער פארמאכט פון כלל ישראל, אבער נאכדעם וואס ער עפענט זיך, זעהט מען ווי ס'ווערט נתקיים ביי אים די מדריגות פון די משנה.

און אזוי איז געווען ביי הגאון הגדול רבי חיים קנייבסקי, וואס ער האט גארנישט געגומען קיין שום פאסטן פון דרשות וכדומה, אויך איז ער קיינמאל נישט געווען קיין עמיטליכע דיין, איז ער טאקע אין די ערשטע האלב פון זיין לעבן געווען שטארק אפגעטיילט פון וועלט. אבער דייקא דאס האט געברענגט אז ער זאל ברענגען א נייע חידוש אויף די וועלט, ווייל דאס איז די כלל, אז מ'פארמאכט זיך מיט די תורה, ברענגט מען נאכדעם א נייע חידוש פאר כלל ישראל אזוי ווי די משנה זאגט.

אזוי, אז היינט ווייסט א יעדער יוד אז ר' חיים האט מחדש געווען א נייע חידוש פאר כלל ישראל, נייע חידושים אין תורה עבודה אמונה, ער האט געברענגט פאר כלל ישראל פריש, א פרישע וועלט, איז קודם טאקע שיידט מען זיך אפ פון די וועלט, אבער נאך דעם איז ווי די משנה זאגט 'נהנין ממנו וכו', נעשה כמעין המתגבר, כנהר שאינו פוסק וכו', ער ברענגט פריש סחורה, ער איז סובל יעדעם, ווי די משנה זאגט 'והוה צנוע וארך רוח ומוחל על עלבונו', אזוי ווי מ'האט געזעהן ביי ר' חיים קנייבסקי זצל ווי ער האט סובל געווען יעדען קינד, יעדער מענטש, געבענדיג כבוד און חשיבות פאר יעדעם איינעם.

און דאס איז א וויכטיגע לימוד פאר אונז למעשה, צומאל זעט מען א תלמיד חכם אין זיינע בראשית יארן ווי ער איז אביסל מער צו די פארמאכטערע זייט, ער לעבט נאר אין זיינע ד' אמות של הלכה, מאך אים נישט אוועק, אדרבא לייג צו קאפ און דערהער אז ער איז יעצט אינמיטן פון א 'פראסעס', ער איז יעצט אינמיטן ברענגען פאר כלל ישראל א נייע גילוי, ער איז אינדערמיט פון ברענגען נייע חידושים און גוטע ספרים פאר כלל ישראל.



ביי די גמרא'ס צייטן, נעם ארויס א יסוד, און פאס עס צו צו עפעס פון היינטיגע צייטן, 'תחפש באשר למדת אם תוכל לקיימו'.

באמת איז עס אויך א חסידישע יסוד, ווי די תולדות און דער מאור עינים ברענגען כסדר פונעם הייליגען בעש"ט אז אין יעדער זאך פון די תורה דארף א יוד קענען טרעפן ווי דאס איז שייך 'בכל מקום ובכל זמן', אין וועלכע מקום א מענטש געפונט זיך נאר, דארף ער קענען דארטן טרעפן די תורה, ער דארף קענען צופאסן דאס וואס ער האט געלערנט, צו די יעצטיגע זמן און מקום. פון איין זייט דארף מען זיך צופאסן צו די תורה, ער קען נישט רידען די תורה קיין כי היא זה, ער דארף זיך צושטעלן פונקטליך צו דאס וואס די תורה פארלאנגט, אבער פון דער אנדערע זייט דארף מען צופאסן דאס וואס מ'האט געלערנט צו די אייגענע מציאות, מען דארף עס אראפ ברענגען אין עולם הפרט, 'תחפש באשר למדת אם תוכל לקיימו'.

ווען א מענטש בויט א בנין, איז די עיקר ארבעט צו צופאסן איין חלק צום צווייטען, איין ציגעל צום צווייטן, איין האלץ צום צווייטן, מען שניידט אביסל פון אים און אביסל פון אים, אזוי זאל זיך איינס צופאסן צום צווייטן, און די תכלית איז אז אלעס זאל זיך צום סוף צופאסן צום מענטש, דער מענטש זאל האבן א הויז מיט אלע זיינע הצטרכות'ן.

און אזוי איז אויך ביי לימוד התורה, מ'דארף כסדר צופאסן איין חלק צום אנדערן דורעך די י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן, מ'שטעלט צו איין דין צום צווייטן און מ'חשבונט, ס'איז גרינגער ס'איז הארבער, א 'מה מצינו' א 'היקש', אזוי ווי דארט, אזוי אויך דא, ס'איז יא דומה ס'איז נישט דומה, די ארבעט איז צו צופאסן איין זאך צום צווייטן, און דערנאך ביים סוף איז די תכלית עס צו צופאסן צום אדם, אריינברענגען די גאנצע תורה אין די מציאות האדם אריין.





# בשורה טובה
# תדשן עצם

**ספר אויף עניני סוטה**
**טרעפנדיג די ענינים פון סוטה**
**אין אונזער טאג טעגליכן לעבן**
**בהוצאת 'מכון מישרים'**

לקבל הספר, נא לשלוח למייל shalomlangs@gmail.com



**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 1646650559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**



עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+